בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף

**עֶס אִיז מְחַזֵק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, כָאטְשִׁיג נִישְׁט אַלְץ פַּארְשְׁטֵייט עֶר פַּארְוָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַזֶעלֶעכֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, נָאר שְׁטֶעטִיג זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.**

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, תשע"ג

גֶעבּוֹיעְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com


**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף

## א.

## בֶּעט מִיט רַחְמָנוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן צט), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאוֶונֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ דְבֵיקוּת, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס דְרוּקְט אִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים (עַיֵּין דְבָרִים רַבָּה ב, א).

## הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אֱמוּנָה ?

אָבֶער כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מוּז עֶר הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב; קנה): אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם נִסָיוֹן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר פַארְוָואס לָאזְט מֶען נָאךְ פוּן תְּפִלָּה? וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶערְפַאר, מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט זִיךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז דְבֵיקוּת.

## דְבֵיקוּת - אַ זַאךְ פַאר יֶעדְן אִיד!

דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אֱמוּנָה אִיז דְבֵיקוּת אוּן דְבֵיקוּת אִיז אֱמוּנָה! וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דְבֵיקוּת אִיז טַייטְשׁ קְלֶעבַּאכְץ, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קְלֶעבְּט צַאם צְוֵויי פַּאפִּירְן מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבַּאכְץ קֶען מֶען עֶס מֶער נִישְׁט

אָפְּטֵיילְן, און אַז מֶען פְּרוּבִירְט עֶס אָפְּצוּטֵיילְן מִיט גֶעוַואלְד רַייסְט זִיךְ מִיט אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אַנְדֶערְן פַּאפִּיר, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ אִיד זַיין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער יֵצֶר הָרַע זָאל אִים וֶועלְן אָפְּרַייסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין, וַוייל עֶר נֶעמְט מִיט זִיךְ מִיט אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, און עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אִים אָפּצוּטֵיילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## נִישְׁט אֵייבִּיג שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אָבֶּער דָא אַמָאל אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כב): **הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם** - דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת; און דָאס לֶעשְׁט אוֹיס דִי אֱמוּנָה בַּיי אִים, און עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן עֶרְגֶעץ וַוייט וַוייט אִין

הִימְל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יט, יג), בִּשְׁעַת דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פוּן דִי בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶועזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל קֶענֶען וואוֹינֶען דָא אוּנְטְן צְוִוישְׁן אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, טז): **מִיּוֹם שֶׁבָּרָא הַקָּבָּ״ה אֶת עוֹלָמוֹ נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים** - פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז זַיין גַאנְצֶע תַּאֲוָה אַז עֶר זָאל קֶענֶען וואוֹינֶען דָא אוּנְטְן; אָבֶּער וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ יָא וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זִינְדִיגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ, וִויבַּאלְד עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ דַאוֶונֶען.

## וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וויסְן צוּ זַיין תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא (בְּרָכוֹת דַף לד ע״ב): וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ נִיסִים, אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען הָאט בַּיי אִים מַזְכִּיר גֶעוֶועזְן אַ קְרַאנְקְן הָאט עֶר גֶעוואוּסְט גֶענוֹי צוּ יֶענֶער גֵייט גֶעזוּנְט וֶוערְן אָדֶער

חָלִילָה נִישְׁט, הָאט מֶען אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: בִּיסְטוּ דֶען אַ נָבִיא אַז דוּ וֵוייסְט אֵייבִּיג אַזוֹי גוּט וָואס וֶועט זַיין? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין נָבִיא אוּן נִישְׁט קַיין זוּהן פוּן אַ נָבִיא, נָאר אוֹיבּ גֵייט מִיר גְרִינְג דָאס בֶּעטְן, אוּן דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אַרוֹיס פְלִיסִיג אוּן גֶעשְׁמַאק, וֵוייס אִיךְ אַז דִי תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֵוייס אִיךְ אַז חָלִילָה נִישְׁט.

## הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן אֲפִילוּ וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן צט):
דָאךְ דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דְבֵיקוּת, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט וֶועגְן דֶעם וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִקוּנֵי זֹהַר (דַף כט ע"א): ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וַוארְפְט נָאךְ דִי תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז וַוייט פוּן אִים, און עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן.

## מִיט אֵיין גוּטֶע תְּפִלָּה וֶוערְן אַלֶע תְּפִילוֹת נִתְקַבֵּל

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ג, כג): **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳**; אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר שְׁפִּירְט יָא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און סַיי וֶוען עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיי וֶועט עֶר פְרֶעגְן: אַז אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ אִים, דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיף?! אוֹיף דֶעם פִירְט דֶער פָּסוּק אוֹיס און לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל יָא שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל "בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר" וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע מִינוּט וָואס דוּ וֶועסְט גוּט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס וֶועט דִיר גֵיין גוּט דָאס דַאוֶונֶען, דֶעמָאלְטְס וֶועלְן אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיפְגֵיין צוּזַאמֶען מִיט דִי גוּטֶע תְּפִלָּה.

## ב.

# יֶעדֶע פָּשׁוּטֶער אִיד קֶען אֵייבִּיג זַיין דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גַשְׁמִיוּת אִיז דָארְט אוֹיף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פְרוֹי און הָאבְּן קִינְדֶער, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען הָאט אַ ווַייבּ מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי און לֶעבְּן מִיט זֵיי, און זֵיי מְפַרְנֵס זַיין, ווָאס דֶערְמִיט אִיז מֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת דַף נ ע״א), אַז דֶער ווָאס שְׁפַּייזְט זַיין ווַייבּ און קִינְדֶער טוּט שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט, און זֵיי אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אֱמוּנָה, כְּדֵי דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל,

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה, אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין שְׁטוּבּ, בַּיי דִי וַוייבּ אוּן בַּיי דִי קִינְדֶער.

## וָואס מֵיינְט אַן "עוֹבֵד הַשֵּׁם" ?

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אַז זַיין אַ עוֹבֵד הַשֵּׁם מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָארֶעוֶועןמִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאכְן, אוּן אָפְּלָאזְן דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, דִי פַּרְנָסָה, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְלָארְן מֹחַ זֶעט עֶר גְלַייךְ אַז דָאס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל צוּ וָואס דַארְף מֶען קְרִיכְן אִין דִי הִימְלֶען אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט בִּשְׁעַת דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּנְטְן ? !

## זַיי אַן עֶרְלִיכֶער דָא אִין דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז; סח), אַז דֶער שְׁלֵמוֹת פוּן אַ אִיד אִיז צוּ זַיין אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן; אוּן נִישְׁט אָפְּטֵיילְן רוּחְנִיוּת פוּן גַשְׁמִיוּת, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִיבֶּעראַל אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס עֶפֶּעס טוּן פַאר פַּרְנָסָה דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָארְט אִיז אוֹיךְ

דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און בִּשְׁעַת׳ן טוּן בִּיזְנֶעס אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר מִצְוֹת וָואס מֶען קֶען מְקַיֵים זַיין, לְמָשָׁל מֶען זָאל זָאל נִישְׁט גַנָבֶ׳ענֶען און גַזְלֶ׳ענֶען, וָואס וֶוען מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס קוּמְט אוֹיס זַייעֶר אָפְט אַז מֶען זָאל קֶענֶען זַייעֶר גְרִינְג אָפְּנַארְן און אַרוֹיסְשְׁווִינְדְלֶען פוּן יֶענֶעם גֶעלְט אָן דֶעם וָואס יֶענֶער זָאל כַאפְּן, דָאךְ טוּט מֶען עֶס נִישְׁט וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט עֶס נִישְׁט טוּן.

## רוֹב מִצְוֹת אִיז דַוְקָא מִיט גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן

מֶען זֶעט אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז פוּל מִיט מִצְוֹת וָואס אִיז דָא דַוְקָא בַּיי גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן, לְמָשָׁל מִצְוֹת וָואס זֶענֶען שַׁיָיךְ בַּיי ׳דוֹמֵם׳, אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ גְרוּב אִין אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, און אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ צוֹים [מַעֲקֶה] אוֹיפְן דַאךְ פוּן דִי הוֹיז, אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ פֶענְסְטֶער אַקֶעגְן יֶענֶעם, און אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען שַׁיָיךְ בַּיי ׳צוֹמֵחַ׳, צְווִישְׁן זֵיי דִי מִצְוָה פוּן כִּלְאַיִם, דִי מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָה וָואס עֶס גֵייט אָן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם אִיז דָא הֲלָכוֹת בַּיי ׳חַי׳,

אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זַיינֶע בְּהֵמוֹת אוּן חַיוֹת טָארְן נִישְׁט מַזִיק זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אוּן נָאכְדֶעם 'מְדַבֵּר', אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אויף דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ.

דָאס אַלֶעס וַוייזְט אוּנְז אַז דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, אוּן אויף יֶעדֶע דֶעטַאל אִיז דָא הֲלָכוֹת, אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּנְטְן מִיט אוּנְז, אָבֶער אַז מֶען זוּכְט דַוְקָא הֶעכֶערֶע עֲבוֹדוֹת, כַּאפְּט מֶען נִישְׁט אַז מֶען גֵייט דוּרְכְדֶעם אַוֶועק פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם וֶוערְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל אַז מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִין יֶעדֶע רִיר, אִיז מֶען אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## ג.

# אֲפִילוּ בַּיי תְּפִלָּה טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט גֶעוַואלְד, נָאר בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ; קצו): אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁ'נֶען וֶוען עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים דָאס גֶעבְּן, וַוייל דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גַזְלְ'ט דִי זַאךְ, אוּן אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין דְחִיקַת הַשָּׁעָה, נָאר בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת אוּן תַּחֲנוּנִים אוּן נִישְׁט וֶוערְן מִיד בִּיז מֶען בַּאקוּמְט וָואס מֶען בֶּעהְט. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף לב ע"ב): אַז אֵיינֶער קוּקְט נָאךְ זַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶועט עֶר הָאבְּן הַארְץ וֵוייטָאג; וַוייל אוֹיבּ קוּקְט עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאךְ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען, וֶועט אִים זֵייעֶר וֵויי טוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעהְטְן אַ גוּטֶע תְּפִלָּה אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז עֶר דַארְף נָאר בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת אוּן הָאפְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן זַיין יְשׁוּעָה מִיט גֶעדוּלְד, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן

(בְּרָכוֹת דַף לב ע״ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאפְן אוּן נָאכְאַמָאל הָאפְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, וַוייל סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן אַ מַתְּנַת חִנָּם אוּן אִים נָאכְגֶעבְּן אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל כָאטְשִׁיג אַ צַדִיק הָאט אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאךְ קוּמְט עֶר נִישְׁט מִיט אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר מוּז אִים נָאכְגֶעבְּן אִין זְכוּת פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאר עֶר בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶער בְּלוֹיז אַ מַתְּנַת חִנָּם.

ד.

## דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעדוּלְדִיג

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קנה):
פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פוּיל?

דָאס קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה! וַוייל וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעהַאט אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְן חֲזַ״ל (סוּכָּה דַף נג ע״א), אַז בַּיי שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה הָאט הִלֵּל גֶעטַאנְצְן זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אַז אִיךְ בִּין דָא אִיז שׁוֹין יֶעדֶער דָא, אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא וֶוער אִיז דֶען דָא! וַוייל הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עָנָו אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵּילָא אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּבְּרֶעכְן אוּן אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל פַארְצֵיילְן אוֹיךְ (שַׁבָּת דַף לא ע״א), אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַמָאל גֶעמַאכְט אַ פַארְמֶעסְט אַז פַאר וֶועם עֶס גֵייט גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן הִלֵּל דֶער גֵייט בַּאקוּמֶען פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדְן, הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ וֶועל עֶס בַּאוַוייזְן! אִיז עֶר גֶעקוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג צוּ הִלֵּל׳ס הוֹיז, פּוּנְקְט וֶוען הִלֵּל אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּוַואשְׁן לְכָבוֹד

שַׁבָּת, און גֶעפְרֶעגְט מִיט חוּצְפָּה צוּ הִלֵל אִיז דָארְט, וַוייל עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן פון הִלֵל, הָאט זִיךְ הִלֵל גְלַייךְ אָנְגֶעטון און אַרוֹיס צוּ אִים, און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט גָאר אַ נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, הָאט אִים הִלֵל גֶעזָאגְט: מַיין קִינְד הָאסְט גֶעפְרֶעגְט אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה! און עֶר הָאט אִים שֵׁיין עֶרְקְלֶערְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רוּאִיגְקֵייט, דֶערְנָאךְ אִיז הִלֵל צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן אָפְּוַואשְׁן, פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל דָא, עֶר הָאט נָאךְ עֶפֶּעס אַ ווִיכְטִיגֶע פְרַאגֶע צוּ פְרֶעגְן, הִלֵל טוּט זִיךְ ווִידֶער אָן, און עֶר גֵייט אַרוֹיס און פְרֶעגְט אִים: מַיין קִינְד מִיט וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן? פְרֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַ נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, און הִלֵל עֶנְטְפֶערְט אִים מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס רוּאִיגְקֵייט, אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערגֶעשְׁפִּילְט עֶטְלִיכֶע מָאל וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁוֶועֶרֶע אָנגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע מִינוּטְן פון עֶרֶב שַׁבָּת, און גֶעפְרֶעגְט מִינְדֶערְוִויכְטִיגֶע שְׁאֵלוֹת, צְוִוישְׁן זֵיי פַארְוָואס דִי אַפְרִיקַאנֶער הָאבְּן פְּלַאטְשִׁיגֶע פִּיס און דִי בַּבְלִים הָאבְּן פְּלַאטְשִׁיגֶע קֶעפּ און דִי תַּרְמוֹדִיים - לַאנְגֶע אוֹיגְן, און הִלֵל הָאט אִים אַלְץ אוֹיפְגֶענוּמֶען רוּאִיג און

גֶעלַאסְן, און גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף זַיינֶע פְרַאגֶעס, בִּיז יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר הִלֵל: צוּלִיבּ דִיר הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדְן...! הָאט אִים הִלֵל גֶעזָאגְט: הִלֵל אִיז וֶוערְד אַז דוּ זָאלְסְט צוּלִיבּ אִים פַארְלִירְן אֲפִילוּ אַפָאר מָאל פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדְן, וַוייל הִלֵל וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן און נֶערְוֶועז מַאכְן.

## דוּרְכ׳ן צַדִיק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, שִׂמְחָה און סַבְלָנוּת

אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ און אַלֶעס גֵייט אִים גוּט. עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז וֶוען דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶערְס רֶבִּי ר׳ שְׁמֶעלְקֶא פוּן נִיקֶלְשְׁבּוּרְג און דֶער בַּעַל הַפְלָאה זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם גְרוֹיסְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גוּטֶער פְלַאץ וואוּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען אָנְשֶׁעפְּן מִיט תּוֹרָה און קְדוּשָׁה, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט זֶען צוּ עֶר וֶועט זֵיי קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נד ע״א): חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה – אַ

מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן שְׁלֶעכְטְס פּוּנְקְט וִוי אוֹיף דָאס גוּטְס. אוּן עֶס הָאט זֵיי אַלֶעמָאל גֶעבַּאדֶערְט וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אַ צָרָה פּוּנְקְט וִוי אוֹיף זַיין גוּטְס?! אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד דִי קַשְׁיָא וָואס בַּאדֶערְט זֵיי, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזָען בַּיי אִים עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶער סֶדֶר בַּיי אַן אֶמֶת'ן עֶרלִיכְן אִיד אַז פוּנְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט, בְּמֵילָא הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זוּכְן דָא אוּן זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק, אָבֶּער פַאר זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאט זֵיי דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד גֶעהֵייסְן זִיךְ גֵיין גֶעזֶעגְענֶען פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי זוּשָׁא וָואס זִיצְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶר קַשְׁיָא, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר פְּרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה, אִיךְ וֵוייס בִּכְלַל נִישְׁט וָואס הֵייסְט שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַלֶעס אִיז בַּיי מִיר

נָאר גוּט. הָאבְּן זֵיי שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דוּרְכְן צַדִיק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַזַא לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַז שְׁטֶענְדִיג אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

## דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, אַז עֶס זָאל גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה), אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד, אַז גָארְנִישְׁט זָאל שׁוֹין נִישְׁט בַּאדֶערְן אוּן נֶערְוִוירְן, וַוייל אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּקְט שְׁטֶענְדִיג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְפַאר שַׁיינְט דָארְט זֵייעֶר קְלָאר דִי אֱמוּנָה אוּן דִי הַשְׁגָחָה, מִמֵילָא אַז מֶען הָאט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן גָארְנִישְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טַעַם פַארְוָואס משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט כְּדֵי צוּ עֶסְן דִי פֵּירוֹת פוּן דָארְט, נָאר כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין דָארְט צוּ

אַרִיכַת אַפַּיִם און סַבְלָנוּת מִיטְן גְרֶעסְטְן שְׁלֵמוּת (סַנְהֶדְרִין קיא ע״א), וַוייל פִיר מָאל גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי תּוֹרָה אַז משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט, דֶערְפַאר הָאט עֶר אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן און גֶעבֶּענְקְט אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָארְט קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָה פוּן אֱמֶת אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעדוּלְד און אַרִיכַת אַפַּיִם.

ה.

## מִיט נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה וֶועסְטוּ פּוֹעֵל'ן

חֲזַ״ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה יא, י), אַז משֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעף הוּנְדֶערְט און פוּפְצְן תְּפִלּוֹת וִויפִיל דָאס וָוארְט וָאֶתְחַנָּ״ן בַּאטְרֶעפְט, אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַרייַנְגֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט רֶעד נִישְׁט מֶער צוּ מִיר וֶועגְן דֶעם. און עֶר הָאט טַאקֶע מֶער נִישְׁט גֶעבֶּעטְן, אָבֶּער אוֹיב בֶּעט עֶר וֶוען נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן און גֶעקֶענְט אַרייַנְגֵיין קַיין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ אִיד טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל יֶעדֶע יְשׁוּעָה קֶען מֶען בַּיים סוֹף פּוֹעֵל׳ן, נָאר דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרֵיין אִין אַ בִּיטֶערֶע צָרָה, צוּ זָאל דָאס זַיין חוֹבוֹת, אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף קִינְדֶער, אָדֶער אֵיינֶער וָואס פְּלָאגְט זִיךְ זֵייעֶר פַאר פַּרְנָסָה, און אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר שְׁנֶעל צוּבְּרָאכְן און עֶר פַארְלִירְט דִי גֶעדוּלְד.

## קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר...

און בִּכְלַל, נֶעמֶען זִיךְ אַלֶע מִינֵי נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, לְמָשָׁל דִי מַחֲלָה פוּן אוֹ. סִי. דִי. און דָאס גְלַייכְן, אָדֶער אַז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, און אַז יֶעדֶער קוּקְט אוֹיף אִים, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז אֵיינֶער גֵייט אִים טְשֶׁעפֶּענֶען, און אַז מְ׳רֶעדְט פוּן אִים, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת סְתָּם

פַאנְטַאזְיֶעס, וַוייל קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אִים!

## אַ דִין תּוֹרָה מִיט דִי לְבָנָה

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רָב פוּן זַיין שְׁטָאט, אַז עֶר וִויל הָאבְּן אַ דִין תּוֹרָה מִיט דִי לְבָנָה, וַוייל עֶר הָאט אַ טַעֲנָה אוֹיף אִיר פַארְוָואס אִיבֶּערָאל וואו עֶר גֵייט, גֵייט זִי אִים נָאךְ, דֶער רָב הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען מִיט וֶועם עֶר הָאט דָא צוּ טוּן... זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ הֶער דַיין טַעֲנָה, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אוֹיךְ הֶערְן דִי צְוֵוייטֶע צַד, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ בַּיינַאכְט פְּרֶעגְן דִי לְבָנָה וָואס זִי הָאט צוּ זָאגְן. דֶעם אַנְדֶערְן טָאג וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: דִי לְבָנָה טַעֲנָה׳ט, אַז וואו זִי גֵייט קוּקְסְטוּ אוֹיף אִיר, דֶערְפַאר גֵייט זִי דִיךְ אוֹיךְ נָאךְ אוּן קוּקְט דִיךְ נָאךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן אִיר נָאכְצוּקוּקְן וֶועט זִי אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן דִיךְ נָאכְצוּגֵיין; הָאט דֶער רָב אוֹיסְגֶעפִירְט: דִי לְבָנָה הָאט אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה, הֶער דוּ אוֹיף צוּ קוּקְן אוֹיף דִי לְבָנָה, וֶועט זִי מֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

דִי מַעֲשֶׂה קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי אַ גֶעלֶעכְטֶער, אָבֶער אַזוֹי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן אֵייבִּיג פוּן יֶענֶעם, אוּן אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ קוּקְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעם, וֶועט יֶענֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת אוּן עֶס אִינְטֶערֶסִירְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, נָאר אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַלֶע מִינֵי אַיינְרֶעדֶענִישׁ אוּן דִמְיוֹנוֹת.

## מֶען קֶען אוֹיסְהֵיילְן אֲפִילוּ מְשֻׁגָעִים אוֹיב זֵיי לָאזְן זִיךְ הֵיילְן

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, כָאטְשִׁיג דִמְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע מַחֲלָה, דָאךְ קֶען דֶער צַדִיק אוֹיסְהֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סז): בֶּאֱמֶת קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן, אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגֶעֶנֶער וָואס לוֹיפְט אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוּן עֶר טוּט אַלֶע מִינֵי נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז דֶער מְשׁוּגֶעֶנֶער

אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט זַיין פֶּעלֶער, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן הֵיילְן, עֶר טַעֲנָה׳ט אַז יֶענֶער אִיז מְשׁוּגָע, אוּן אַז יֶענֶער דַארְף נֶעמֶען פִּילְן. אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אַנעֶרקֶענט זַיין חִסָרוֹן, אוּן עֶר פָּאלְגְט דֶעם קְלוּגְן מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען אִים גְלַייךְ אוֹיסְהֵיילְן.

## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֵיילְט יֶעדְן בְּרוּחֲנִיוּת

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר קֶען אוּנְז אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג, יוֹם הַשִּׁשִּׁי): אוּן אִיךְ הֵייל זִי! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֵיילְט דִי אִידִישֶׁע נְשָׁמָה מִיט צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים, אוּן עֶר מַאכְט אוּנְז פְרֵיילִיךְ אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן, אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, דֶערְפַאר אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אִיז קְרַאנְק אוּן מֶען זוּכְט נָאךְ דֶעם אֶמֶת׳ן צַדִּיק, אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין זַיינֶע סְפָרִים, וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהֵיילְט וֶוערְן אוּן הָאבְּן אַ גַאנְצֶער תִּקּוּן.

# אַ דָאקְטֶער אוֹיף רוּחְנִיוּת דַארְף מֶען הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג

אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ שְׁטִיקְל חִילוּק צְווִישְׁן אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט דֶעם גוּף, וָואס אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דֶעם קְרַאנְקְן פוּן זַיין קְרֶענְק דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ אִים, אָבֶּער בְּרוּחְנִיוּת דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פוּן פְרִישׁ קוּמֶען צוּם צַדִיק, כְּדֵי עֶר זָאל דִיךְ מֶער אוּן מֶער הֵיילְן, אוּן דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, אָבֶּער גֶעוֶוענְטְלִיךְ ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְּ וַוייט אוּן גֶעפַאלְן, דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת אִינֶעם הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִיק, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "אֵין חוֹזֶק חֲסִידוּת כְּבַתְּחִילָתוֹ" - דֶער עִיקָר שְׁטַארְקֵייט הָאט מֶען בַּיים אָנְפַאנְג; וָואס דֶעמָאלְטְס פִילְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בְּרֶען, ווַייל עֶר זֶעט דֶעם גְרוֹיסְן חִילוּק פוּן פַאר עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, אוּן וָואס עֶס אִיז נָאכְדֶעם גֶעוָוארְן פוּן אִים, אַז

בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אוּן עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן יֶעצְט הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר לֶערְנְט שׁוֹין יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אַז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט עֶר דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט עֶר יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס דָאךְ כַאפְּט עֶר אַרַיין יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס אֲפִילוּ עֶס זָאל נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט וִוילַאנְג עֶר וֶועט דָאס אַלֶעס עֶנְדִיגְן, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען, דֶערְפַאר ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז וַוייט, אִיז עֶר מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִיק גָאר אַסַאךְ, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַבִּיסְל יֵשׁוּת אוּן עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין גְרוֹיס, וֶוערְט בַּיי אִים אַלֶעס קַאלְט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט פַאר וִויכְטִיג צוּ גֵיין הֶערְן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, וַוייל עֶר וֵוייסְט שׁוֹין סֵייוֹוי וָואס עֶר גֵייט זָאגְן... אָבֶער אִין אֱמֶת׳ן זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סב), אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען מִיט אַ נֵייעֶ הִתְחַדְשׁוּת צוּם צַדִיק; אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן

(חֲגִיגָה דַף ג ע״א): יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֶערְט מֶען נַייֶע חִדּוּשִׁים.

## אַ פְרִישֶׁע הִתְחַזְּקוּת

ווִי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיים אָנְפַאנְג גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג פַארְפְלַאמְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר מַדְרֵגָה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן, אוּן דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שסז; שע), כָאטשִׁיג עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, הָאבְּן זֵיי אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן אוּנְז אוּן אַייךְ? הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: בַּיי מִיר אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נֵיי, אוּן יֶעדֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פְרִישׁ. דֶערְפַאר הָאט עֶר יֶעדֶע מָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען מֶער אוּן מֶער בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. וַוייל עֶס נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן

אַז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מֶער וָואס צוּ קוּמֶען צוּם צַדִיק, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוען עֶר וֶועט כַאפְּן אַן אוּמגֶעדְרַאכטֶענֶעם קְלַאפּ, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אִיבֶּערְצוּטְרָאגְן, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּם צַדִיק, שַׁיינְט עֶר אַרַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אֵייבִּיג קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

ו.

## צְדָקָה עֶפְנְט אַ טִיר אִין הִימְל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): וֶוען אַ אִיד גֶעט צְדָקָה עֶפֶענט עֶר זִיךְ אוֹיף אַ טִיר אִין הִימְל, אוּן אַז עֶר גֶעט נָאךְ צְדָקָה עֶפֶענְט עֶר דִי טִיר בְּרֵייטֶער, אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר גֶעט צְדָקָה וֶוערְט דִי טִיר גֶעעֶפֶענְט בְּרֵייטֶער אוּן בְּרֵייטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'פָּתֹחַ תִּפְתַּח' (דְבָרִים טו, ח); וַוייל צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וואו אוּן

וָוען מֶען גֶעט פַאר אַ אֱמֶת׳ע צְדָקָה און פַאר אַ רִיכְטִיגֶע צְוֶועק, אַמָאל זֶעט מֶען אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם שְׁלֶעפֶּער און עֶס דַאכְט זִיךְ אַז אִים דַארְף מֶען וויכְטִיג גֶעבְּן צְדָקָה, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַסַאךְ גֶעלְט, און אַמָאל זֶעט מֶען אֵיינֶער וָואס אִיז אָנְגֶעטוּן שֵׁיין און רַייךְ, און מֶען מֵיינְט זִיכֶער אַז אִים דַארְף מֶען נִישְׁט גֶעבְּן, בִּשְׁעַת אִין אֱמֶת׳ן הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט.

## צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר אִידְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה

וֶועגְן דֶעם זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אַז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר אִידְן, וַוייל בַּיי יֶעדֶע צְדָקָה קֶען מֶען אַרוּם פָּאפְּן, אַ פָּשׁוּטֶ׳ער שְׁוִוינְדְלֶער קוּמְט און דֶערְצֵיילְט אָ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה אַז זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער הָאבְּן יֶענֶע מַעֲשֶׂה רַחֲמָנָא לִצְלָן... און אִידְן וֶוערְן אוֹיפְגֶעשׂוֹידֶערְט און גֶעבְּן גְלַייךְ שֵׁיינֶע סְכוּמִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק א, הֲלָכָה א): שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען בֶּעט פוּן אִידְן אַ נְדָבָה רוּפְן זֵיי זִיךְ אָן וַוארֶעם, וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן פַארְן מִשְׁכָּן הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַארְן מִשְׁכָּן, און וֶוען מֶען הָאט

גֶעבֶּעטְן פַארְן עֵגֶל הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַארְן עֵגֶל. אָבֶּער אַז מֶען גֶעט צוּ עֶסְן פַאר אִידְן דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן שְׁווִינְדְלֶערְס, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף ט ע״א): אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת - בַּיי עֶסְן דַארְף מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְקוּקְן פַאר וֶועם מֶען גֶעט; ווַייל אַז יֶענֶער אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר קֶענֶען עֶסְן, אוּן דוּ הָאסְט מְחַיֶה גֶעוֶוען אַ אִיד, אוּן אַז עֶר דַארְף נָאךְ, זָאל עֶר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט עֶסְן נָאךְ, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן זַאט, אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג קֶענֶען עֶר נִישְׁט עֶסְן מֶער... [1] דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע צְדָקָה בְּגַשְׁמִיוּת.

[1] בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִין יַבְנְאֵל אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל "אֹהֶל אַבְרָהָם" וואוּ עֶס וֶוערְט סֶערְווִירְט אַ גַאנְצְן טָאג הוּנְדֶערְטֶער פָּארְצִיָאנֶען, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גֶענְצְלִיךְ אוּמְזִיסְט, מֶען דַארְף נָאר מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן בֶּענְטְשְׁן, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ.

## ווי אַזוֹי גֶעט מֶען רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע צְדָקָה

אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ דָא צְדָקָה בְּרוּחֲנִיוּת, אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אִידְן פוּן זַייעֶר פוּנְסְטֶערְנִישׁ אוּן זַייעֶר פְּלָאנְטֶער, אוּן דִי הֶעכְסְטֶע צְדָקָה בַּיי דֶעם אִיז צוּ גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנטְרֵסִים פוּנֶעם אֱמֶת׳עֶן צַדִיק (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכוֹת הַשָּׁחַר, הֲלָכָה ה), וָואס דָאס אִיז אַ זִיכֶערֶע צְדָקָה וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, וַוייל עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אָן אַ שִׁיעוּר צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן נָאר מִיט דִי סְפָרִים זֶענֶען זֵיי זִיךְ מְחַיֶה, אוּן דָאס דֶערְהַאלְט זֵיי בַּיים לֶעבְּן, דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צְדָקָה.

## אַבִּיסְל קֶענְסְטוּ יָא

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה פוּנְקְט ווִי אָנְטוּן צִיצִית, לֵייגְן תְּפִלִּין, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳ענְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמח, סְעִיף

א), אַז יֶעדֶער אִיד אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן דַארְף יֶעדְן טָאג גֶעבְּן צְדָקָה; פַארְן דַאוֶוענֶען גֶעט מֶען אַפָּאר צֶענְט (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן צב, סְעִיף י), אַפָּאר צֶענְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וֶוען מֶען זָאגְט "וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל" (עַיֵּן מִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם, מְהָאַרִיזַ"ל), אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר תִּקּוּן הַכְּלָלִי (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קמא), אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים עֶסְן דַארְף מֶען גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה דַף קנג ע"ב) אַז וֶוען אַ אִיד גֵייט עֶסְן זָאל עֶר זֶען אַז אַן אָרִימַאן זָאל אוֹיךְ מִיט עֶסְן מִיט אִים, אוּן עֶר זָאל זָאגְן דִבְרֵי תּוֹרָה בַּיים טִישׁ. דֶערִיבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אָרִימַאן גֶעט מֶען אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה אִינְמִיטְן עֶסְן, אוּן מֶען זָאגְט עֶפֶּעס תּוֹרָה, וָואס דֶעמָאלְטְס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל: זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה' (יְחֶזְקֵאל מא, כב). אַזוֹי אוֹיךְ אַ פְּרוּי פַאר זִי גֵייט לֶעכְט צִינְדְן גֶעט זִי צְדָקָה, אוּן דִי אַלֶע פֶּענִיס וֶועט אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אֵייבִּיג! נָאר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וַוייל מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גְרוֹיסֶע סוּמֶעס, מִמֵילָא גֶעט מֶען גָארְנִישְׁט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג). אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען קֶען

שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן צְדָקָה נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִּיל, אוּן אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט גֶעבְּן מִיטְן גְרֶעסְטְן שְׁלֵמוּת, כַאפְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיין צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, בִּיז עֶס וֶועט אֵיינְמָאל גֶעלוּנְגֶען צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁלֵמוּת אוּן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

## מַאךְ דִיךְ פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹיפִּיל גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָנִים כג-כד), אָבֶּער אַסַאךְ מָאל אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶערִיבֶּער אִיז דִי עֵצָה אַז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ מֶען הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבַּיי, בִּיז נָאכְדֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין טַאקֶע וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אוּן דָאס אִיז אַ כְּלַל בַּיי יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט דָאס קֶענֶען טוּן מִיט אַ דְבֵיקוּת אוּן מִיט אַ רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה, נָאר דָאס טוּן אַזוֹי וִוי מֶען קֶען אֲפִילוּ אָן שְׁלֵמוּת, בִּיז אֵיינְמָאל וֶועט שׁוֹין גֶעלוּנְגֶען דָאס

צוּ טוּן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אוֹיפְהֵייבְּן.

## ז.

## זֵיי דִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ

דֶער שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת נַחֲמוּ", וַוייל מֶען זָאגְט אִין דִי הַפְטוֹרָה: נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי (יְשַׁעְיָה מ, א). אַז דֶער נָבִיא טְרֵייסְט אוּנְז, נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט בַּיי דִי הַפְטוֹרָה דִי שְׁטְרָאף רֵייד וָואס דֶער נָבִיא וָוארְנְט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פָּאלְגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן דֶעם שַׁבָּת דִי זִיבְּן וָואכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וַוייל אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָּבִים בִּין אִיךְ מִיט עֶנְק, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן וָואס

קוּמְט אַלֶעמָאל אוֹיס גְלַייךְ נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

## נִישְׁט נֶעמֶען אַן עֵגֶל פַאר אַ מַנְהִיג

וַוייל שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמוּז אִיז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי לוּחוֹת צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי אִידְן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל, מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט מֹשֶׁה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְּגַם פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל לָאמִיר זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז טַאקֶע מֶער נִישְׁט דָא, אִיז דִי עֵצָה צוּ נֶעמֶען אַן עֵגֶל פַאר אַ מַנְהִיג? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דַאךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט תַּלְמִידִים, ווִי לְמָשָׁל אַהֲרֹן, אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר, אוּן בִּפְרַט יְהוֹשֻׁעַ וָואס עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן מֹשֶׁה?!

## מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק פוּנְדְרוֹיסְן

אוּן בִּכְלַל שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אַחֲרֵי דַף עא ע״ב): אַ אֱמֶת׳ער צַדִיק אִיז נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט

מֶער וויפִיל עֶר אִיז דָא גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט, וַוייל ווִילַאנְג דֶער צַדִיק לֶעבְּט אִיז עֶר אַייִנְגֶעהִילְט אִין אַ גוּף, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף זַייעֶר פָּשׁוּט אוּן פוּנְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף אִים, כָאטְשִׁיג אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז עֶר גְרֵייט יֶעדֶע רֶגַע צוּ פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט פוּנְדְרוֹיסְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין אִים, דֶערִיבֶּער קֶען אִים נִישְׁט יֶעדֶער אָנֶעמֶען, פַארְקֶערְט, מֶען טְרֶעפְט שְׁטֶענְדִיג חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אִים אוּן מֶען הָאט נָאר קֻשְׁיוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב): פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער הָאט יֶעדֶער קֻשְׁיוֹת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז רוּחָנִי, אוּן אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיגְל, עֶס שְׁפִּיגְלְט אָפּ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אוּן דָאס זֶעט עֶר נָאכְדֶעם כִּבְיָכוֹל אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט לָאזְט זִיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַרָאפּ צוּ אִים, אָבֶער אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, פַארְטְרַייבְּט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן זִיךְ, בְּמֵילָא הָאט עֶר נָאר קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר

פַארְגֶעסְט דִי מוֹרָא׳דִיגֶע חֲסָדִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע.

## נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִיק

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז וִויבַּאלְד אַ צַדִיק אִיז גְלַייךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, הָאט מֶען אוֹיף אִים אוֹיךְ נָאר קֻשְׁיוֹת, לְמָשָׁל, פַארְוָואס מִיט יֶענֶעם רֶעדְט עֶר אוּן מִיט מִיר נִישְׁט? אוּן דָאס גְלַייכְן אַלֶע מִינֵי קֻשְׁיוֹת. אָבֶּער ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת נִישְׁט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן נִישְׁט אוֹיף צַדִיקִים, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז ׳אֵין סוֹף׳, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעשְׁטַאלְט אָדֶער אוֹיסְזֶען, אוּן אַוַודַאי קֶענֶען מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁלֶעךְ מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ אִים נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אָךְ אוּן וֵויי וָואלְט גֶעוֶועזְן וֶוען מִיר זָאלְן אִים קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶערְפַאר אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער.

# נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין

אַוודַאי אִיז דָא זַאכְן וָואס ס'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, לְמָשָׁל פַארְוָואס אִידְן דַארְפְן לַיידְן אַזַא שְׁוֶוערְן גָלוּת שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר, וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְן שׁוֹין אַיינגֶערִיסְן אוֹיף דֶעם אַז מְ'זָאל שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארדִיטשוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט עֶר אִיבֶּערְקֶערְן אַ וֶועלְט אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַפָּאר יָאר פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת [כ"ה תִּשְׁרֵי תק"ע], וָואס אִינְצְווִישְׁן אִיז שׁוֹין אוֹיךְ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [כ"ד טֵבֵת תקע"ג], הָאבְן זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע צַדִיקִים, צְווִישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד, דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימֶענוּב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן גֶעפֶּערְלִיךְ פַארְפִירְט אַז עֶס מוּז שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה, אֵיינְמָאל וֶוען דֶער

קָאזְנִיצֶער מַגִיד הָאט גֶעזֶען דֶעם בַּארדִיטשוּבֶער רָב אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, הָאט עֶר צוּ אִים גֶע׳טַעֲנָה׳ט: הֲיִתָּכֵן דוּ הָאסְט דַאךְ צוּגֶעזָאגְט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַיינְרוּעֶן בִּיז מֶען וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, בִּיזְדֶערְוֵוייל פְּלָאגְן זִיךְ נָאךְ אִידְן אִינֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת?! הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיפְקוּמֶען דָא, וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אוּן אַלֶעס דַארְף זַיין אַזוֹי וִוי עֶס אִיז. דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער קָאזנִיצֶער מַגִיד גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אַז עֶר דַארְף שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן, וַוייל עֶר הָאט יֶעצְט גֶעזֶען דֶעם בַּארדִיטְשׁוּבֶער רָב אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## דִי דְרָשָׁה וָואס צִיט זִיךְ בִּיז יֶעצְט

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּארְצֵיילט מֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח משֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[2], אַז עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר

[2] וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעוַוארְט אוּן גֶעהָאפְּט אוֹיף דִי גְאוּלָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט דְרֵיי מָאל, אוּן

וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרַיין נַארְן אִין גַן עֵדֶן, נָאר עֶר וֶועט אַיינְרֵייסַן פַאר דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי אוֹיסְפִירְן - וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם - מִיט גֶעוֵויין (עַיֵין דִבְרֵי יוֹאֵל עַל קֹהֶלֶת, ט): מֶען הָאט דֶעם זַיידְן מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוֹיבְן צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה, אוּן עֶר זָאגְט דָאס נָאךְ בִּיז יֶעצְט!

## דִי שֵׁיינְקַייט פוּנֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, אִין הִימְל אִיז דָא אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן וָואס מִיר טְרַאכְטְן, פַארְקֶערְט, אִין הִימְל וֶוערְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פַארְגֶענִיגְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי אִידְן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִין אַזַאלֶעכֶע שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, בִּשְׁעַת זֵיי זֶען גָארְנִישְׁט, אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ צוּזֵייט אוּן צוּשְׁפְּרֵייט צְוִוישְׁן אַלֶע פְּרָאסְטֶע שְׁמוּצִיגֶע גוֹיִם, וָואס גֵייעֶן אוֹיסגֶעטוּן אוּן

---

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען בִּשְׁעַת׳ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזֶעהן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דֶעם בִּיטֶערְן חוּרְבָּן (עַיֵין וַיוֹאֵל מֹשֶׁה בְּהַקְדָמָה).

אוֹיסְגֶעלַאסְן אוֹיפְן עֶרְגְסְטֶען אוֹפֶן, און אִידְן וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט און גֶע׳הַרְגֶ׳עט דוּרְךְ אַלֶע אֻמּוֹת הָעוֹלָם, פונְדֶעסְטְוֶועגְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים וֶוערְט מֶען נִישְׁט מִיד, נָאר אִיבֶּערָאל וואוּ אִידְן קוּמֶען אָן דְרֵייעֶן זֵיי אִיבֶּער דִי פְּלַאץ און מַאכְן עֶס אִידִישׁ, בִּיז עֶס וֶוערְט דָארְט הֵיילִיג אַזוֹי ווִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בּוֹיעֶט מִקְוָאוֹת, תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס, מֵיידְל שוּלֶעס, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, כּוֹלְלִים, שׁוּלֶען, מֶען עֶסְט נָאר כָּשֵׁר׳ס, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף יֶעדְן פְּרַט, און דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב, ווַייל קַיין שׁוּם מַלְאָךְ וּשָׂרָף קֶען דָאס נִישְׁט בַּאווַייזְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ בָּחוּר, און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערהַאלט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, און עֶר נֶעמְט נָאכְאַמָאל דֶעם חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, עֶר לוֹיפְט נָאכְאַמָאל אִין שׁוּל זָאגְן אָמֵן און אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה, דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב אִין הִימְל.

# אַ טְרֵייסְט אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט אוּן גָלוּת

דֶערְפַאר שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז נָאכְדֶעם וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען אַז דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנַת צַדִיקִים, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן פָּשׁוּט׳עְן עֵגֶל פַאר אַ רֶבִּי אוּן אַ פִירֶער, הָאט עֶר גְלַייךְ צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען שִׁכְחָה אוֹיף דִי וֶועלְט (עֵרוּבִין דַף נד ע״א), וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבָה, וַוייל אַזוֹי אַרוּם קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כו), דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעגַאנגֶען נָאכְאַמָאל אוּן פְּרוּבִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל זֵיי מוֹחֵל זַיין, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי שְׁנֶעל, עֶס אִיז נָאךְ גֶעקוּמֶען אַ תִשְׁעָה בְּאָב מִיט אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן אִין דֶעם טָאג, [אוּן דָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ד): אַז אִין דֶעם שְׁוֶוערְן טָאג תִשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מָשִׁיחַ]. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ תִשְׁעָה בְּאָב אוּן מֶען אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, קֶען מֶען דָאךְ וֶוערְן

זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן און טְרַאכְטְן וָואס וֶועט דָא זַיין דֶער סוֹף ? !
וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: קוּמְטְס קִינְדֶערְלֶעךְ !
אִיךְ וֶועל אַייךְ טְרֵייסְטְן און אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן נָאכְאַמָאל
דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, און אִיר וֶועט קֶענֶען נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל
זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי.

## ח.

## דֶער יוֹם טוֹב פוּן מַאכְן שִׁדוּכִים

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית דַף ל ע"ב): עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אִידְן אַזֶעלֶעכֶע יָמִים טוֹבִים אַזוֹי וִוי חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב און יוֹם כִּיפּוּר. עֶרְקְלֶערְט דִי גְמָרָא אַז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען מַתִּיר גֶעוֶוען זִיךְ צוּ מְשַׁדֵךְ זַיין צְוִוישְׁן אַלֶע שְׁבָטִים אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן; אוֹיךְ אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוָוארְן צוּרִיק שָׁלוֹם מִיט שֵׁבֶט בִּנְיָמִין, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז מֶען גֵייט זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט זֵיי, בִּיז עֶס אִיז כִּמְעַט פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער שֵׁבֶט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב הָאט מֶען מְבַטֵל גֶעוֶוען די גְזֵירָה, וָואס דַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע אַ מְסוּגָל׳דִיגֶער טָאג צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב פֶערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר) אַז פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב קֶען מֶען שׁוֹין ווּאוּנְטְשְׁן אַ ׳כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה׳, וַוייל עֶס פַאנְגְט זִיךְ שׁוֹין אָן די יְמֵי הָרַחֲמִים וְרָצוֹן; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## אִיז אוּמַאן אַ בַּאקְוֶועמֶע אָפּרוּה אָרְט?

אַוַודַאי אִיז פַאר יֶעדְן שְׁוֶוער צוּ פָארְן, כָאטשִׁיג עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז מֶען קוּמְט דָארְט הָאפְּקֶענֶען אוּן הַנָאָה הָאבְּן וְכוּ׳, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס אַ שְׁוֶוערֶע פַארְמַאטֶערְטֶע נְסִיעָה, אוּן קַיין גְרוֹיסֶע גְלִיקְן

בְּגַשְׁמִיוּת אִיז אִין אוּמַאן נִישְׁט פַארְהַאנֶען, עֶס קוּמְט זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, מֶען קוּמְט נָאר וַוייל דָארְט אִיז פַארְהַאן אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדֶער וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן פַארְלַאנְגְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים.

## וָואס אִיז גֶעוֶועוֶען דִי צִיל פוּן גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם?

חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים דַף ח ע״ב): פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעמַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם דִי פֵיינֶע וַוארִימֶע בֶּעדֶער פוּן חַמֵּי טְבֶרְיָה וָואס וֶוער עֶס בָּאדְט זִיךְ אִין דֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן פַארְוָואס זָאל נִישְׁט זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֵּירוֹת גִּינוֹסַר וָואס וַואקְסְט אִין גָּלִיל? נָאר וִויבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דְרֵיי מָאל אַ יָאר זָאל מֶען קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, אוּן אוֹיב וָואלְט דִי חַמֵּי טְבֶרְיָה אוּן דִי פֵּירוֹת גִּינוֹסַר גֶעוֶועוֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, וָואלְט מֶען גֶעמֵיינְט אַז מֶען קוּמְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם וֶועגְן דִי פֵיינֶע בֶּעדֶער אוּן גֶעשְׁמַאקֶע פְרוּכְט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט מֶען זִיךְ קְלָאר

אִיבֶּערְצַייגְט אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וַוייל וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִיז גָארנִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט אַזוֹי בְּרֵייט אוּן בַּאקְוֶועם, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַאמְלוֹיף אוּן אַ גֶעשְׁטוּפֶּערֵיי פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט אִידְן, דָאךְ אִיז מֶען גֶעוֶוען אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ פְרֵיילֶעךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן גֵיין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ה, ה): קֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס אִיז אִים צוּ עֶנְג צוּ בְּלַייבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם.

## וָואס אִיז דִי צִיל פוּן קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן?

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ אִין אוּמַאן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס מֶען קוּמְט אִיז נָאר וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָנִים תג-תו), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז קַיין גְרֶעסֶערס דֶערְפוּן אִיז נִישְׁט פַארהַאנֶען! אֵיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע אִידְן זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַ קָשְׁיָא... דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן מֶען קוּמְט, כָאטְשִׁיג עֶס קוּמְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָן

גְרִינְג, וַוייל אֵיינֶער פַארְלִירְט אַ רֶענְצְל, בַּיי אֵיינֶעם פֶּעלְט דִי עֶסְן, אָדֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעהֶעריגֶע פְּלַאץ, אָדֶער דָאס דַאוֶוענֶען אִיז צוּמָאל שְׁוֶוער, אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיפְן בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, סֵיי דָארְט אַלֵיין אוּן סֵיי אוֹיף דִי נְסִיעָה אַרוּם אוּן אַרוּם, נָאר מֶען קוּמְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

## דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט

בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אַלֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס זֶענֶען גֶעשֶׁעהֶן דֶעם יָאר אִיז שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי דֶעם פִּיוּט נָאךְ וּנְתַנֶּה תֹּקֶף: מִי בָאֵשׁ מִי בְמַּיִם וְכוּ׳ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תסו), אַז אִין דִי נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער מִי וּמִי וּמִי... לִיגְט אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת וָואס מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ. וַוייל אַלֶעס וָואס עֶס וֶועט זִיךְ

אָפְּשְׁפִּילְן מִיטְן מֶענְטְש אַ גַאנְץ יָאר, וְוִיפִּיל עֶס זָאל זַיין דֶער בָּאדְזְשֶׁעט דֶעם יָאר, אוּן צוּ עֶר וֶועט דוּרכלֶעבְן דָאס יָאר אוּן דָאס גְלַייכְן, אַלֶעס וֶוערְט שׁוֹין פַארְשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן וְוִיבַּאלְד מֶען גֵייט מִשְׁפָּט׳ן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַזֶעלֶעכֶע הַאקֶעלֶע זַאכְן, גֵייט מֶען צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּנְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אוּנְז אַ טוֹבָה צוּ טוּן, אוּן אוּנְז דַן זַיין לְכַף זְכוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן א).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן טְרֶעפְן שִׁידוּכִים, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְלֶעבְן צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן פּוֹעֵל׳ן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן מִיר זָאלְן אָנְגֶעשְׁרִיבְן וֶוערְן מִיט א גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~